

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת נח

# וואס קענען מיר ארויסלערנען פון די חיות?

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת נח

# וואס קענען מיר ארויסלערנען פון די חיות?

"טאטי, פארוואס שטעלן מיר זיך דא אפ דא?" האט משי געפרעגט, זיצנדיג ביים אונטערשטן זיץ פון קאר.

"איך ווייס אויך נישט פונקט וואס ס'טוט זיך דא," האט דער טאטע געענטפערט, "ס'קוקט אויס ווי דער שאסיי איז אפגעשפארט, מיר וועלן דארפן גיין צופיס פון די אנדערע זייט."

"המהה..." האט דוד געצויגן מיט די נאז, "איך שמעק חיות דא, אזוי ווי ווען מיר האבן באזוכט ביים חיות גארטן."

"טאקע, איך שמעק אויך" האבן די אנדערע געצויגן מיט די נאז.

"בארררר!" האט זיך געהערט פון דערווייטענס, א געברום פון חיות.

"קומטס קינדער, לאמיר זען וואס ס'טוט זיך דא," האט דער טאטע גערופן צו די קינדער, "איך מיין אז עס זענען דא חיות אין דעם געגענט. אבער געדענקט קינדער, מען היט די אויגן, נישט קוקן ווי מען ברויך נישט," האט דער טאטע דערמאנט די קינדער.

דער טאטע האט געפארקט דעם קאר, און זיי האבן אנגעהויבן צו שפאנען, ווען יעדע מינוט ווערט דער גערוך פון חיות, אלץ נענטער און שטערקער. אויך די קולות פון מענטשן זענען אלץ געווארן העכער און העכער, אויסמישנדיג זיך מיט די רעש פון חיות.

ווי זיי האבן זיך דערנענטערט צום צענטער פון שטאט, האבן זיי באמערקט ווי דער מעיאר שטייט אויף די בימה, ארומגענומען מיט חיות! רוב פון די חיות זענען געזעצן אין אזא סארט באן וואס מען טרעפט געווענדליך אין די חיות גארטן. ביי די צוויי זייטן, פארענט פון דעם שטאטישן בנין, זענען געשטאנען שטאלץ צוויי סטאטועס פון לייבן, אנשטאט עכטע לייבן.

"איז דער מעיאר פון קאפ געפאלן?!" האבן די קינדער זיך געוואונדערט. "קוק דארט אויבן, ביים שפיץ פון באן, שטייט א קראקעדיל פריי!"

"רוקטס ענק אין זייט," האט דער טאטע גערופן צו די קינדער, "ס'קוקט נישט אויס גוט דא. די חיות זענען נישט איינגעשפארט אין קיין שטייגן."

אינמיטן דער געפילדער, האט מען געהערט דער מעיאר'ס קול ארויסגעקומען פון די הויכהילכערס. "צו די אלע חשוב'ע רעזידענטן פון 'אוניווערסיטי סיטי'," האט ער אנגעהויבן זיין דרשה, "ס'איז מיר א כבוד צו אויסרופן דעם עפענונג פון דער נייעם חיות גארטן, וואס מיר וועלן אויפבויען אויף 'אלפרעד אווניו'."

דער מעיאר האט געווארט צו זען די רעאקציע פון די פארזאמלטע, איידער ער האט פארגעזעצט, "מיט גרויס פלאג און מי איז אונז ענדליך געלונגען צו פארשאפן די חיות דא, וואס זענען געגעבן געווארן אלס א געשאנק, דורך דעם פרעזידענט אליין. וואס פארא כבוד און ערע האבן מיר, אז מיר קענען געבן א נייע היים פאר די חיות אין אונזער שטאט!" די פארזאמלטע זענען ארויס אין א ווילדע אפלאדיציע, בשעת דער גארילא איז ארויס געשפרינגען פון באן און צעבראכן א לאמפ אין צוויי...

"לאמיר זיך אפטראגן פון דא ווי אומשנעלסטן," האט דער טאטע געראפן צו די קינדער, "ס'איז נישט גוט צו שטיין דא. ס'איז ממש א סכנה, די חיות קענען ארויסגיין פון די גלייזן יעדע מינוט."

דער טאטע מיט די קינדער האבן אנגעהויבן אוועקצוגיין, ווען זיי האבן נאך געהערט דעם מעיאר'ס דרשה, ווי ער דרש'נט וואס פארא גוטע עצה ס'איז געווען צו ברענגען די אלע חיות מיטן באן, געאייגנט פאר א חיות גארטן.

"זארגטס ענק נישט, מיר האבן נאכנישט געבויט קיין שטייגן," האט דער מעיאר אויסגעשריגן מיט עקסטאז, "מיר האבן שטרענג אנגעווארנט די חיות אז זיי זאלן זיך אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין, ביז מיר ענדיגן בויען זייער חיות גארטן. אלעס איז אין בעסטן ארדענונג!" האט ער יעדן פארזיכערט.




די קינדער האבן געהויבן פיס צו קענען דעריאגן דעם טאטן, וועלכער האט זיך שנעל דערנענטערט צום קאר. ווי נאר זיי האבן זיך דערווייטערט פון דער גרויליגע סצענע, האט דער טאטע זיך אנגערופן צו די קינדער: "דאס

וואס מיר האבן נארוואס געזען דערמאנט אונז, להבדיל, איבער די גרויסקייט פון די צדיקים. ניין, דער מעיאר איז נישט קיין צדיק, צופיל שכל אין קאפ האט ער אויך נישט, אבער ביי מיר איז ארויפגעקומען דאס בילד פון נח און זיין תיבה. אלע חיות וואס עקזיסטירן היינט איז נאר אין זכות פון נח דער צדיק! ווען נישט וואס נח האט געראטעוועט די חיות אין זיין תיבה, וואלט קיין איין חי' נישט איבערגעלעבט דעם מבול!

פון דא קענען מיר זיך לערנען דאס חשיבות פון צדיקים. געוויסע קינדער מיינען אז מען דארף מכבד זיין צדיקים כדי צו האבן זייערע בילדער. ניין! נישט פארדעם שעצט מען א צדיק. צדיקים זענען דא צו אונטערהאלטן דער וועלט, אזוי ווי נח האט געטון אין זיין צייט. דאס מיינט אז יעדעס מאל ווען מיר זעען א בעל חי'; ביי א שפאציר אין די פארעם, א מאקאש, קריכנדיג איבער די ביימער, אדער ביים משוגענעם מעיאר, איז אלעס נאר אין זכות פון די צדיקים פון יעדן דור. זיי זענען די וואס האלטן אונטער די וועלט."

"אה טאטי," איז פאר משי בייגעפאלן א פלאן, "דארף מען טאקע יעדן טאג גיין באזוכן אין חיות גארטן, אזוי וועלן מיר זיך דערמאנען דעם לימוד..."

דער טאטע האט זיך צושמייכלט, "קוק, מ'קען טאקע גיין באזוכן אין חיות גארטן, נישט יעדן טאג, פון צייט צו צייט איז אויך גענוג, אבער מען דארף נישט גיין ביז צום חיות גארטן כדי צו לערנען דעם לימוד, מ'קען בלויז אריינקוקן אין שפיגל."

"וואס הייסט?" האט משי נישט פארשטאנען, "ווען איך קוק אריין אין שפיגל זע איך א מענטש און נישט קיין מאלפע."

"ריכטיג, אבער ס'איז נישט נאר די חיות וואס זענען געראטעוועט געווארן, נאר ווען נישט דער זכות פון נח, וואלטן מיר נישט געווען דא היינט, ווייל אלע מענטשן פון דער וועלט זענען אומגעקומען ביים מבול. ווען דו וועקסט זיך אויף אינדערפרי און באטראכסט דיינע הענט און פיס, זאלסטו וויסן אז דאס אלעס איז אין זכות פון נח און אנדערע צדיקים פון יעדן דור, אויך די צדיקים פון היינטיגן דור.

דאס איז א וויכטיגער לימוד צו גדענקן, ס'איז נישט דער ביזנעסמאן, דער מעיאר, אדער אנדערע ערפינדערס, וואס האלטן אונטער דער וועלט. ס'איז נאר אין זכות פון די צדיקים וואס די וועלט קען ווייטער עקזיסטירן.

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3